# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XIII, No. 1 | 50 CENTS A YEAR | SEPTEMBER, 1930


## ZIONISM CAN'T DO IT.

You can't lift yourself by your bootstraps. It is unfortunate for our Jewish people all over the world that the leaders of the Zionist Movement have failed to understand this fundamental truth.

There is something wrong with Zionism. But, just what this trouble is, and how to cure it, these are the questions that are racking the brains of the world, both Jewish and Gentile. For Zionism has now become an international issue and some of the most powerful nations of the world are realizing that their future destinies are wrapt up in the proper answer to the riddle called Zionism.

And the poor Zionists! What a rocky road it has been all the way from the hour of Balfour's Declaration down to the present moment when the Arabs and the Moslems and the Mohammedans, and the Syrians, and the Greeks have begun to rend the skies with their cries of protest and opposition and hatred of any further advance in the Jewish Nationalist Program. And the Jewish leaders of the Zionist cause have found it pretty hard sledding these last two or three years.

How we need in these days true prophets! Not flatterers, not false leaders who say to us "Peace, peace", when we know in our own hearts that there is no peace. Not rabbis who seek to dabble in the politics of the world. All these must only end in dismal and complete failure.

But we need today prophets of God, men, who like Jeremiah of old, will stand in the public places and tell us the truth, hurt how it may. Of course such prophets would not be popular, for you remember our forefathers tried to bury Jeemiah alive because he told them the truth about themselves. But Jeremiah had the satisfaction of knowing that he had given without fear the message which God told him to give, and that there must have been a certain few among the vast numbers of Israel of that generation who were glad to get his message, and thanked him for it. Likewise you remember our forefathers took another prophet, Isaiah, and they sawed him in half in their frenzy, because he also had dared to tell them the truth as God had given it to him.

And that is the trouble with our Jewish nation even to this day; and out of that trouble has also come the fundamental trouble of Zionism. Our people, alas, do not want true prophets, they want rather to be flattered, to be told that they are all right and that there is nothing wrong with them. And if we, poor Jewish missionaries, lift up our voices as in a wilderness and try in our feeble way to point our people to the truth and to show them what God would have them do, then we get abuse and persecution and hatred, and we are called traitors! What a tragedy that our Jewish people have allowed themselves to be so blinded by Satan and by the pride of this world!

Now, what is really the matter with Zionism? It is simply this, dear reader, that Zionism, like the fool in the 14th Psalm, "hath said in her heart, there is no God"! And when a man or a group of men or any organization has become fool enough to say a thing like this, then such a man and such an organization must face complete disaster.

It was Jeremiah of old who gave us God's message one day when he said:-

> "Thus saith the Lord: Cursed be the man that trusteth in man, and maketh flesh his arm, and whose heart departeth from the Lord." —Jeremiah 17:5

Thus you see that God's curse must be upon Zionism because Zionism has not looked to God for help, but instead has turned to man. And Zionism pushes itself before the council-chambers of the world, and mixes up with the Gentiles who know not God and who have no respect for God. The League of Nations, Great Britain, America, Germany, to these our Zionists turn for help, and with all due respect to the sovereignty of these great world nations, we say solemnly to our Jewish people of the world, none of these world powers can help you.

And God foreknew all these things; and so He foretold through the prophets that our Jewish people would gather back to Palestine, but without God and without dependence upon Him, and then because they would do this thing, God would punish them by allowing them to go through the most bitter and most furious hell of all Jewish history. The very nations of the earth in whom our Zionists pin so much hope today, they will be the ones who will swoop down upon Palestine and seek to destroy the Jews who have gathered there. Just read the awful things that God foretells in the 38th chapter of Ezekial, how Russia, Germany and other northern nations will come down to fight against Jerusalem after the Zionists have spent many hard years in establishing the colonies there:

> "After many days thou shalt be visited: in the latter years thou shalt come into the land that is brought back from the sword, and is gathered out of many people, against the mountains of Israel, which have been always waste; but it is brought forth out of the nations, and they shall dwell safely all of them. Thou shalt ascend and come like a storm, thou shalt be like a cloud to cover the land, thou, and all thy bands, and many people with them." Ezekial 38: 8-9-11-12.

Now dear reader, you see that if you want to be truly a child of God, you cannot follow after blind leaders who will only lead a blind people into destruction. There is only one way for you to do, and that is to forsake these leaders, and turn to God, and seek to discover what He would have of you and how you may become a true child of His. He has given us only one way, and that is through the precious blood of the Lord Jesus Christ that was shed for us nearly two thousand years ago on a lonely hill just outside of Jerusalem. If our Zionists will accept the Lord Jesus Christ as their Saviour, and then put their trust in Him, that would put an end to all Jewish troubles and God would soon restore to us our land, because it was He who promised it to us through Abraham and Isaac and Jacob, and it is He who must restore it to us without any interference of our own.

Will you not study this question and find for yourself true happiness and true salvation through the Lord Jesus Christ? We will gladly send you literature for the asking.

---

האט בנבואה געזאגט אין תהלים ס"ח, 12: "אדני יתן אמר המבשרות צבא רב", ד"ה, גאט ב"ה האט דעם באפעהל געגעבען אז די פרויען זאלען מיט זייער בשורה טובה (אין ישוע המשיח) שאפען א גרויסע קראפט, און אדרבא זעהט וואס פרויען האבען זייט דמאמאלס אקאמפליצירט . . .

ניין, ליעבע לעזער, די פרויען װעלען נישט אװעק בלייבען און צוריק שטעהן פון אזאלכע סאמע וויכטיגע ענינים, זי, די פרוי, איז געווארען די עקרת הבית, און קיינער װעט נישט װאגען זי צוריק צו טרייבען אונטער'ן אויבען, וואו זי איז געװען ביי אידען זייט יאהר הונדערטע און איז נאך דארט עד היום הזה.

שטעהט־אויף איהר שוועסטערן פאר'ן אמת אין ישוע המשיח און זאלען די מענער מיט די קינדער אייך נאכפאלגען. שטעהט־אויף און זינגט הויך ווי מרים הנבואה האט אמאל געזונגען: "שירו לד' כי גאה גאה"! ווייל גיבט עס דען נאך א גרעסער וואונדער ווי דאס אין הייליגען ישוע המשיח וואס קאן רעטען די גאנצע מענשהייט פון זינד און פון אונטערגאנג.

---


בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטרים



Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

האט עפעס גוטעס געטהון און געהאלפען דערצו, נייערט עס איז בלויז דורך גאט'ס ליעבע און דורך זיין חסד.

אין ישעיה נ"ה געפינען מיר דעם הייליגען משיח אלס "חסדי דוד הנאמנים" איבער וועלכען גאט זאגט: "הערט מיך צו... ווייל איך וועל אייך געבען די חסדי דוד." ד"ה, דוד'ס חסד, דער הייליגער משיח וועלכער איז ארויסגעקומען פון דוד המלך (זעה מתתיהו א', 1 און 6) דערפאר פארשטעהען מיר שוין וואס גאט מיינט אין מיכה ז': "תתן אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת לאבותינו", יא גאט ב"ה האט אזוי געשווארען צו אונזערע עלטערן, "בי נשבעתי נאם ד'" (בראשית כ"ב).

איצט ווען מיר פארשטעהען שוין ווער דער אמת ליעקב איז און ווער דער חסד לאברהם איז, קאנען מיר שוין פארשטעהן וואס דער פסוק מיינט אין יוחנן א' 17: "די תורה איז גענעבען געווארען דורך משה אבער דער חסד און דער אמת איז דורך ישוע המשיח נעקומען" ווייל אין ישוע המשיח איז דער חסד ואמת פערסאניפיצירט געווארען און נור דורך איהם ווארפט גאט אוועק אלע אונזערע עבירות ביז צום אבגרונד פון ים, אבער נישט דורך די קרישקעלעך וואס אידען ווארפען אין וואסער אריין.

נאך א שטארקען בעווייז פאר אונזער פריהערינער בעהויפטונג געפינען מיר אין אנפאנג פון די אויבען געגאנטע 2 פסוקים אין די ווערטער "יכבש עונתינו" ד"ה, ער וועט באזיגען די לוסט צו זינד. דאס איז אין איינקלאנג מיט רומיים 1, 6, וואו מיר לייענען: "מיר ווייסען אז דער אלטער מענש וואס איז אין אונז, איז מיט משיח געקרייציגט געווארען כדי דער גוף פון זינד זאל פארלוירען געהן און מיר זאלען מעהר נישט זיין קנעכט פון דער זינד".

גאט ב"ה גיבט אונז דא א ווינק אז "יכבש עונתינו", דער הייליגער משיח וועט האבען דעם כח צו באקעמפען דעם שטן וואס פארפיהרט צו זינד.

יעדער וואס גלויבט אין ישוע המשיח באמת ובתמים האט דעם כח פון משיח צו אונטערדריקען דעם יצר הרע, די זינד פון שטן, אזא מענש זינדיגט נישט מעהר ווי צופאר. א משיח־קינד האט מעהר קיין חבריתא מיט די שווארצע כחות. אפילו ווי שטארק יענע כחות זאלען נישט זיין, איז אבער ישוע המשיח וואס רעגיערט אין אונז, שטארקער פון זיי און העלפט אונז גובר זיין איבער זיי נישט מעהר צו זינדיגען ווי צופאר. אט דאס מיינט "יכבש". באזיגען.

ווען איינער גלויבט אין ישוע המשיח וואס איז דער "אמת ליעקב" און דער "חסד לאברהם", ווערט ער א נייע בריאה (יוחנן ג') די אלטע עבירות ווארפט גאט אריין במצלת ים, און העלפט אונז נישט צו באגעהן נייע עבירות. ווייל אלע וואס זענען גע'טובל'ט צום משיח זענען אבגעשטארבען צו דער זינד (רומיים ו') און מיר זיינען קינדער פון א נייעם לעבען.

---

# אידישע מאמעס וואס געהען צו מיסיאנערן

**א**נטער דיזעם קעפעל איז ערשינען אן ארטיקעל אין א אידישען בלאט אט דא נים לאנג צוריק וועלכעס לויטעט ווי פאלגט:

—א איד פון דענווער בעקלאגט זיך שטארק אין זיין בריעף צום רעדאקטאר אז בכן, אידישע מאמעס פון דענווער, קאלאראדא, בעזוכען מיסיאנערישע קלאסען וואו זיי בעקומען אונטערריכט אין דער ענגלישער שפראך. און אז מ'פרעגט יענע ווייבער סטייטיש, היתכן? איז דען נים פאראן אין אונזער גרויסער שטאדט פובליק סקולס, נאכט סקולס און אלערליי סקולס, טא פארוואס גאר מיסיאנערן? ענטפערן יענע כשר'ה ווייבער—אז ביי די מיסיאנערן לערענט מען בעסער. די לעהרערינס זענען פריינדליכער. דאס ערגסטע איז נאך — זאגט זיך דער דענווער איד—וואס די ווייבער שלעפען מיט די מענער ווי אויך די יונגע קינדער אין די מיסיאנערישע קלייזלעך.

מיר זענען געווען טשיקאווע צו לעזען וואסארא אנטווארט דער רעדאקטאר וועט יענעם איד געבען אדער אפשר גאר עפעס אן עצה ווי אזוי די ווייבער צוריק צו האלטען פון די מיסיאנערן. אבער דער רעדאקטאר האט במחילת כבודו אליין נישט געהאט קיין עצה, פשוט ווייל עס איז לגמרי נישט פאראן קיין עצה דאנעגען און הערט פארוואס—

ווי מיר ווייסען איז עס שוין אן אלטער כלל אז די פרוי האט אין זיך א פיעל עדעלער געפיהל ווי דער מאן האט; אזאלכע עדעלע געפיהלען האבען זיי געהאט נאך משנים קדמניות אן, אנפאנגענדיג פון די ערשטע פרוי אן.

מיר דערזעהען דארט אם אנפאנג אין גן עדן דעם ערשטען מאן און פרוי וואס גאט ב"ה האט בעשאפען. זיי האבען געלעבט גליקליך און צופרידען, האבענדיג געמיינשאפט מיט גאט. פלוצים קומט זיך אן דער נחש, דער פאסקודנער שטן, און מאכט דארט אן א גאנצע סעמאטאכע וואס האט פעראורזאכט א חורבן צו יענעם פאר פאלק און צו זייערע קינדער עד היום הזה. אדם וחוה האבען זיך געגען גאט ב"ה פארזינדיגט און זענען דערפאר ארויס געטריבען געווארען פון גן עדן. זיי האבען אבער שטארק חרטה געהאט אויף זייער נארישען און פארברעכערישען שכל. האט גאט אויף זיי רחמנות געהאט און האט פאר זייערע אויגען געקוילעט א שאף און האט פאר זיי געמאכט קליידער.

מיט דעם האט מען זיי א ווינק געגעבען אז אזוי ווי עס איז פארגאסען געווארען דאס בלוט פון שאף כדי זייער שאנד צו צודעקען אזוי וועט שפעטער פארגאסען ווערען דאס בלוט פון משיח צו צודעקען און אוועק צו נעמען די זינד פון יעדען וואס וועט נור אין איהם גלויבען. דארט האט גאט אונז מגלה געווען אז דורך "זרעה", געבוירען נור פון א פרוי אליין (נישט זרעם) וועט דער הייליגער משיח ארויסקומען. און ווען חוה האט געבוירען איהר עלטסטען זוהן האט זי געמיינט אז אט דער־איז־דאס וואס וועט האבען דעם כח צו צושמעטערן דעם שטן דעם קאפ, דאס הייסט, גובר זיין דעם נחש חקרמוני. און ווער קאן דען אזא מין גרויסען כח האבען אחוץ גאט ב"ה אליין! דערפאר האט זי איהם גערופען "קין" ווייל "קניתי איש את ד'", ד"ה איך האב קונה געווען א מענש וואס איז גאט אליין. (מיר לערנען אין ברית חדשה, אז ישוע המשיח איז געווען דער קערפער, דער לבוש, פון דער הייליגער שכונה וועלכע האט אין איהם געוואוינט.)

חוה האט אבער א טעות געמאכט ווייל דער משיח איז פון איהר נישט געבוירען געווארען אפילו זי האט מיט אזא עדעלען געפיהל אזוי שטארק עס געוואלט האבען. און אזוי האט זי דאס איבערגעלאזט בירושה צו איהרע טעכטער פון שפעטערע דורות וועלכע האבען אויך געהאט דאס עדעלע געפיהל צום משיח.

און נישט נור האבען זיי געהאט דאס עדעלע געפיהל צום משיח נייערט מאנכע זיינען אויך אליין מיסיאנערקעס געווארען, למשל, אונזער מוטער שרה, האט אויך מיסיאנירט. אויף "את הנפש אשר עשו בחרן", מאכט די רש"י, אברהם מגייר אנשים ושרה נשים. אז מ'וויל ברענגען מענשען תחת כנפי השכינה מוז מען א היבש ביסעל מיסיאנירען. נו ווען שרה האט דאס געטהון, פארוואס וויל דער דענווער איד אוועקהאלטען די דענווער פרויען פון די מיסיאנען!

אונזער מוטער רבקה (יצחק אבינו'ס פרוי) האט אונז אויך עפעס צו זאגען וועגען דער מיסיאן! ווי מיר ווייסען איז דאך עשו לכתחילה געווען דער בכור, און ווער עס האט די בכורה, קומט איהם אויך די ברכה, נעמליך, דער "ונתברכו בזרעך כל גויי הארץ" וואס מיינט דעם משיח. האט אבער אונזער מוטער רבקה באין אופן נישט געוואלט אז דער משיח זאל ארויסקומען פון עשו'ן, האט זי אזוי לאנג מיסיאנירט מיט איהר זוהן יעקב, ביז ער האט גענוצליך איבערגענאמעןביידע, אי די בכורה און אי די ברכה, און אזוי איז טאקע דער משיח פון יעקב'ן ארויס געקומען. מיר זענען זיכער, אז ווען רבקה זאל היינט לעבען וואלט זי אודאי מיסיאנירט אז אלע אידען זאלען גלויבען אין ישוע המשיח. צום סוף וויל גאר אונזער דענווער אידל צוריק האלטען אידישע פרויען פון געהן אין די מיסיאן אריין. וואסארא חוצפה!

דאסזעלבע זעהען מיר אויך ביי חנה הנבואה, (שמואל א' א'), ווי גרויס איהר עדעלעס געפיהל איז געווען בנוגע דעם הייליגען משיח. אין איהר הייסער תפלה צו גאט זאגט זי דארט אין קאפיטעל ב': "כי שמחתי בישועתך", ד"ה, איך פרייע מיך מיט דיין ישוע, און זי ענדיגט איהר תפלה מיט "וירם קרן משיחו", ד"ה, אז גאט זאל שוין הויך אויפהויבען די הערשאפט פון זיין משיח, אזוי ווי עס איז ביז איצט און וועט שפעטער פיעל מעהר געשעהן מיט ישוע המשיח.

אט דארט זעהען מיר ווי שטארק זי האט געבענקט אז ישוע המשיח זאל שוין קומען און ברענגען די גאולה שלימה פאר דער גאנצער מענשהייט און ווען עס וואלט דאמאלס געווען א אידישע מיסיאן אין יענער געגענד, וואלט יענע חנה זיך אודאי נישט געשעהמט דארט צו זיצען טאג ווי נאכט און תמיד רעדען וועגען ישוע המשיח. וואלט דאס דענווער אידעל אויך זי געוואלט פון דער מיסיאן אבהאלטען?

און אזוי איז עס אויך געווען מיט די נשים צדקניות פון דעם ברית חדשה. מרים, די פרינצעסין פון דוד המלך'ס פאמיליע, האט געבוירען דעם הייליגען משיח, ביי וועלכער עס איז מקוים געווארען "הנה העלמה הרה ויולדת בן וקראת שמו עמנואל, (ישעיה ז'). יא, אזוי זענען דאס געווען די גאטעס פארכטיגע ווייבער, ווי מרים מגדלנית, מרים די מוטער פון יעקב און אנדערע, וואס האבען מיט גרויס שמחה און התלהבות פארקינדיגט צו יעדען אז ישוע המשיח איז אויפגעשטאנען פון טויט, אז ער לעבט, און מיר האבען א לעבעדיגע האפנונג אין איהם.

אט דאס האט טאקע דוד המלך געמיינט ווען ער

---

(פארטזעצונג אויף דער לעצטער זייט)

דעם ארעמען מקבל.

אלס אן עקזעמפעל פון די אמעריקאנער נדבות און איהרע פאלגען האבען מיר נישט לאנג צוריק געלעזען ווי פאלגענד:

„אם 7טען מאי האבען די ענגלישע צייטונגען בעשריבען ווי אזוי א פרוי ביים נאמען געללער, פון קאלומבוס, אהייא האט גע'הרג'עט איהרע זיעבען קינדער. זי האט אייגענטליך געהאט 10 קינדער, נור די עלטסטע דריי זענען בדרך נס ניצול געווארען פון דעם שרעקליכען טויט.

מרס. געללער האט שווער און ביטער געארבייט אום איהרע קינדער מפרנס צו זיין ווייל איהר מאן איז געווען אין תפיסה שוין זייט א יאהר און זי איז אליין געבליבען צו זיין אי א טאטע און אי א מאמע פאר איהרע קינדער. און ווייל זי האט שוין ווייטער קיין כח געהאט שווער צו ארבייטען האט זי דעם לעצטען בלוט־טאנץ אויסגעפיהרט מיט דעם וואס זי האט גע'הרג'עט איהרע 7 קינדער, און ענדליך אויך פערזוכט איהר אייגען לעבען צו ענדיגען מיט דעם וואס זי האט די לעצטע קויל פון דער ביקס אויף זיך אליין אבגעפייערט.

אמאל אין די אלטע צייטען האט אזא שרעקליכער אומגליק נישט געקאנט פארקאמען צווישען אידען ווייל ישראל זענען „רחמנים בני רחמנים" און לאזען נישט צו, צו אזא שוידערליכען אומגליק. היינט איז עס אבער גאנץ אנדערש. אידישע טשאריטיס וואס קלויבען צוזאם מיליאנען דאלערס יעדעס יאהר פאר ארעמע אידען טהון דאס נישט בדרך כבוד, נייערט מיט חרפות ובישות מצד דעם ארעמאן, און ווער עס האט נאר אביסעל זעלבסטרעספעקט וויל זיך נישט ווענדען אין אן עת צרה נאך זייער הילף.

עס קומען אפט אריין צו אונז ארעמע אידען וואס קלאגען זיך אויף זייער טרויריגער לאגע און זאגען אונז אז זיי וואלטען ליעבער פארהונגערן איידער געהן בעטען הילף פון די טשאריטיס און דורך געהן כל מיני אינקוויזיציעס פון זיי, וואס איז אבסאלוט ניט אידישלעך און נישט מענשליך.

צוערשט שיקט מען אן אונטערזוכער אין יענעם הויז וואו דער ארעמער אפליקאנט וואוינט, מ'פרעגט נאך ביי די שכנים וועגען יענער פאמיליע, אזוי־ארום דערוויסען זיך די שכנים אז די און די פאמיליע דארף טשאריטי.

און די אנגעשטעלטע גופא ביי די טשאריטי, האלטען זיך אזוי ב'גדול'דיג אז מ'לאזט אן אפליקאנט שטונדען־לאנג ווארטען ביז מ'הערט אוים זיין פערלאנג. זייער קאלטער בליק און קאלט באנעמען מאכט פשוט פערגליווערן דאס בלוט אין די אדערען ביים ארעמען אפליקאנט.

ווי נויטיג דארפען אידען ישוע המשיח אפילו אין די טשאריטים, אז ווען זיי גיבען שוין עפעס שטיצע, זאלען זיי עס געבען בדרך כבוד. אין מתתיהו 6, 4־1 זאגט ישוע המשיח: „ווען דו גיבסט צדקה זאל דיין לינקע האנד נישט וויסען וואס די רעכטע האנד טהוט, א. ז. וו."

דער פועל יוצא פון דיזע פאקטען מכח צדקה איז, אז דער דריטער רבנישער יסוד „וצדקה", מיינט נישט ממון, ווייל מיט געלד קאן מען קיינמאל נישט מעביר זיין את רוע הגזרה.

און די אונטערשטע שורה איז—אז, ס'איז נור פאראן צוויי וועגען—וואדורך מיר קאנען מאכען אן אנשפרוך אויף גערעכטיגקייט ביי גאט, נעמליך, ערשטענס דורך אבהיטען די גאנצע תורה „ללמוד וללמד לשמר ולעשות", און דער צווייטער וועג איז דער וואס מיר געפינען ביי אברהם אבינו אז ער איז געווארען א צדיק, גערעכט ביי גאט, נעמליך דורך אמונה. און דאס איז שוין אן אלטער כלל „וצדיק באמונתו יחיה". (חבקוק ב' 4) ד"ה, אז נור דורך אמונה קאן א מענש ווערען א צדיק ביי גאט.

איצטער קאנען מיר שוין ליכט קומען צום שלום אז נאכדעם ווי „צום קול ממון" העלפט נישט אום צו בעקומען כפרת עונות און צו גערעכטיגקייט, און נאכדעם ווי מיר ווייסען אויך אז קיין איד וועט ביים בית דין של מעלה אמאל קאנען זאגען „תרי"ג מצות שמרתי" ווייל עס איז דאך אן אלטער כלל אז „כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא", דארום בלייבט נור דער איינציגער וועג „אמונה", אזוי ווי ביי אברהם.

אברהם האט געהאט אמונה אין אלעם וואס גאט האט געזאגט אפילו ווען עס איז געווען חוץ לדרך הטבע, ווי למשל ווען גאט האט איהם געזאגט אז זיין ווייב שרה וועט האבען א קינד אפילו שרה איז שוין אלט געווען 100 יאהר און האט על פי דרך הטבע שוין נישט געקענט האבען א קינד, און אברהם גופא איז שוין אויך געווען א „זקן" און האט עס נישט מעהר געקאנט בעווייזען, דאך ווייל גאט האט אזוי געזאגט האט אברהם געגלויבט אז גאט ב"ה קאן אויך משנה טבע זיין אז זיי זאלען יא האבען א קינד, וכך הוה. די דבקות פון אברהם אבינו (באהעפטיגקייט) צו גאט ב"ה האט עס יא אקאמפליצירט און זיי האבען געהאט דאס קינד, יצחק.

יא, ווארטהער לעזער, טאקע דערפאר גלויבען מיר אויך אין ישוע המשיח וואס איז אויך געבוירען געווארען חוץ לדרך הטבע. מיר גלויבען באמונה שלמה אז ער איז אונזער משיח ווייל מיר האבען די אמונה אין גאטס ווארט וועלכער האט אמאל געזאגט אויף דעם משיח „זה בני ידידי בו רצתה נפשי אליו תשמעון", (מתתיהו ג') און טאקע דערפאר הערען מיר איהם צו, און מיר גלויבען וואס ישוע המשיח זאגט אונז, נעמליך אז דורך איהם קענען מיר האבען סליחת עונות און חיי עולם הבא און מיר ברויכען קיין „צום קול ממון" וואס עס העלפט סיי־ווי־סיי נישט.

## תשליך

עס איז א מארע בכל תפוצות ישראל אז אידען געהען אום ראש השנה צו תשליך. מ'ווארפט אריין קרישעלעך אין וואסער אריין און מען זאגט די פסוקים וואס געפינען זיך אין מיכה ז' 19 און 20 וועלכע לעזען זיך ווי פאלגט:

„מי אל כמך... ישוב ירחמנו יכבש עונתינו ותשליך במצלות ים כל חטאתם. תתן אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת לאבותינו מימי קדם". ד"ה, ער, גאט, וועט זיך איבער אונז דערבארמען, ער וועט איינהאלטען אונזערע זינד און וועט אריינווארפען אין טיפען ים אריין אלע אונזערע זינד. דו, גאט, וועסט געבען דעם אמת צו יעקב, דעם חסד צו אברהם, וואס דו האסט געשווארען צו אונזערע עלטערן פון פארצייטען אן.

ווען מ'שטעלט זיך אב נאכצודענקען איבער דיזע צוויי פסוקים קאן מען באין אופן נישט דערגרונטעווען די כונה דערפון. וואס מיינט גאט ב"ה מיט די ווערטער „תתן אמת ליעקב חסד לאברהם", וואס איז דער „אמת" און וואס איז דער „חסד"? ווען האט גאט געשווארען דאס צו געבען צו אונזערע עלטערן? און וואסארא שייכות האט דאס מיט אונזערע זינד?

ווען מיר וועלען דאס גענוי בעטראכטען וועלען מיר זעהן ווי וואונדערבאר דיזע ווערטער ענטהאלטען אין זיך די גאנצע בשורה טובה פון ישוע המשיח, און נור אליין אין דעם זין קאנען מיר קלאר פארשטעהן דיזע צוויי פסוקים.

דארט אין בראשית מ"ט, 10, ווען יעקב אבינו האט געבענשט זיינע קינדער בעפאר ער איז געשטארבען, האט ער געזאגט צו יהודה: „לא יסור שבט מיהודה ומחקק מבין רגליו עד כי יבא שילה". ד"ה, אז דאס מלכות פון יהודה וועט אזוי לאנג דויערן ביז שילה (דער משיח) וועט קומען, און אזויבאלד שילה (דער משיח) וועט קומען וועט דאס מלכות פון יהודה אבגעטהון ווערען; און דאס איז דאך אן אונבעשטרייטבארער פאקט אין דער היסטאריע, אז פונקט דאמאלס ווען די מאכט איז אוועקגענומען געווארען פון מלכות יהודה דורך די רוימער, איז שילה, ישוע המשיח געקומען.

אט דאס מיינט דארט דער פסוק „תתן אמת ליעקב" גאט האט אפענבארט צו יעקב אבינו דעם ריינעם הייליגען אמת וועגען דער גאולה, כדי מיר אידען זאלען קיין טעות מאכען נייערט וויסען דעם אמת ווער דער הייליגער משיח איז, נעמליך ישוע המשיח וואס איז געקומען כמעט 2000 יאהר צוריק פונקט דאמאלס ווען דאס שבט (סצעפטער) האט זיך אבגעטהון פון יהודה, און ער, ישוע המשיח, איז געווארען דער גואל ישראל.

עס זענען דאך אבער דא אידען וואס ווילען איהם נישט אננעמען אלס זייער משיח, מאכען זיי יעקב אבינו'ס נבואה פאר א שקר אז בכן ער האט אונז ניט דעם אמת געזאגט, דערפאר נעמען זיך שונאי ישראל דאס רעכט צו זאגען, אז מה־דאך יעקב דער מובחר שבאבות איז א שקרן, טא וואסארא גרויסע שקרנים מוזען שוין זיין יעקב'ס קינדער, די אידען!

אט מיט דעם אקאמפליצירען יענע אידען וואס זענען געגען משיח צוויי זאכען: ערשטענס גיבען זיי א קאנטשיק דעם גוי אין האנד אריין געגען דעם איד, און צווייטענס מאכט ער פאר א ליגנער גאט וואס האט געגעבען צו יעקב זיין ווארט וועגען דער אידישער גאולה, וואס זאל אוועקנעמען אלע אונזערע זינד. אט דאס מיינט „תתן אמת ליעקב".

און איצט וועלען מיר געהן צום „חסד לאברהם" און זעהן וואס ער מיינט מיט דעם:

גאט ב"ה האט אמאל פערשפראכען צו אברהם אבינו ביי דער עקדה „והתברכו בזרעך כל גויי הארץ" ד"ה, אז אלע פעלקער פון דער וועלט וועלען געבענשט ווערען דורך דעם זאמען פון אברהם, וועלכעם מיינט ישוע המשיח, וואס איז געקומען פון זרע אברהם, אין וועמען אלע פעלקער פון דער וועלט בענשען זיך און ווערען געבענשט. אט דאס איז א „חסד לאברהם" ווייל נור אוים חסד האט די וועלט בעקומען אזא טייערע מתנה אין ישוע המשיח דעם בן אברהם, אזוי ווי עס הייסט איז יוחנן ג': גאט האט אזוי די וועלט געליעבט אז ער האט געגעבען זיין איינגעבוירענעם זוהן אז יעדער וואס וועט גלויבען אין איהם זאל נישט פארלוירען געהן נייערט האבען דאס אייביגע לעבען."

ווען א מענש ווערט אויסגעלעזט פון זינד דורך דעם קרבן המשיח איז עס נישט ווייל דער מענש

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

אנכי הוא הרעה הטוב, יוחנן 10

והקמתי עליהם רעה אחד, יחזקאל ל"ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XIII, No. 1 | 50 CENTS A YEAR | SEPTEMBER, 1930


צום    קול    ממון

## ותשובה ותפלה וצדקה

מעבירין את רוע הגזירה

מיר ווילען צוערשט קלאהר מאכען פאר אונזערע ווערטהע לעזער דיעזע דריי פרינציפען וועלכע פארמירען דעם פונדאמענט פון דער אויבענגענאנטער אידישער טהעאלאגיע.

דאס ערשטע איז "תשובה", וועלכעס ווערט עקספליצירט מיט א קליין ווארט פון אויבען וואס הייסט "צום", פאסטען. דער צווייטער יסוד איז "תפלה", און דאס קליינע ווארט פון אויבען הייסט "קול", הויך שרייען. און דאס דריטע איז "וצדקה" איבער וועלכען עס הייסט "ממון", געבען געלד.

אט־א־דאס זענען די רבנישע פערזיכערונגען צו דעם פאלק ישראל וועלכע פאלגען זיי נאך בלינדערהייט און ווילען זיך נישט די מיהע נעמען אליין אויסצוגעפינען פון די כתבי הקודש אויף ווי ווייט מ'קאן זיך אויף דיזע דריי יסודות פערלאזען. גאט ב"ה האט אפילו געבעטען זיין פאלק ישראל דורך דעם נביא ישעיה קאפ. ל"ד, זאגענדיג: "דרשו מעל ספר ד'", ד"ה, פארשט איהר אליין פון גאט'ס ספר דעם רייגעם אמת און נישט פון די רבנים, און שפעטער האט דער הייליגער משיח אפעלירט מיט דיזעלבע ווערטער צו דעם פאלק ישראל, זאגענדיג: "הדשו בכתובים אשר אתם אמרים חיי עולם יש לכם והמה מעידים עלי" (יוחנן ה') ד"ה, זוכט אליין אין דער הייליגער שריפט דעם אמת וועגען דער גאולה שלימה, אבער ווער האט זיך דען די מיה גענומען צו זוכען און צו פארשען אין גאטס ווארט, אידען האבען פון תמיד אן זיך פערלאזט אויף זייערע רבנים און סתם פיהרערס וועלכע זענען אליין געווען איגנאראנט נישט פארשטעהענדיג דעם גייסט פון גאטס ווארט נייערט האבען אויסגעטרעטען זייערע אייגענע סטעטשקעס און דאס פערהייליגט אין דעם אידען'ס אויגען.

מיר ווילען אבער איצט נאכאמאל אפעלירען צו די ווערטהע לעזער אבצולאזען יענע בלינדע פיהרערס כדי נישט אריין צו פאלען מיט זיי צוזאם אין גרוב אריין, (לוקס ו' 39) נייערט זוכט און פארשט אליין אזוי ווי עס הייסט אין ירמיה ו': "עמדו על דרכים וראו ושאלו לנתבות עולם אי זה דרך הטוב ולכו בה ומצאו מרגוע לנפשכם".

איצט וועלען מיר אנאליזירען די דריי רבנישע יסודות אויף וועלכע דער איד פארטרויעט אזוי שטארק, און מיר וועלען אויף אן ערענסטען אופן זעהן ווי ווייט מ'קאן זיך אויף זיי פערלאזען.

דער ערשטער יסוד איז "תשובה". תשובה מיינט לחלוטין נישט פאסטען נייערט צוריק קעהרען, אזוי ווי גאט ב"ה רופט אידען "שובה ישראל", קעהר זיך צוריק ישראל פון דיינע אויסגעטראכטעטע מצוות "עד ה' אלהיך" ביז צום הארר דיין גאט. אט דאס הייסט "תשובה", צוריק קעהרען, אבער נישט פאסטען אזוי ווי די רבנים ווילען האבען. בפרט ווען גאט אליין זאגט אונז אין זיין ווארט אז דאס פאסטען האט לגמרי קיין ווערטה נישט. אין זכריה ז', 4-8 זאגט גאט: דארף איך דען אייער פאסטען? ווען איהר עסט און ווען איהר טרינקט, עסט איהר דאך און טרינקט דאס פון אייערט־וועגען". טא פרעגען מיר אייך וואסארא ווערטה האט דאס פאסטען וואס די רבנים הייסען אייך ווען גאט אליין זאגט אז ער וויל עס נישט האבען?

אלזא זעהען מיר אז דער ערשטער רבנישער יסוד איז לגמרי גרונדלויז און תשובה מיינט נישט פאסטען.

דער צווייטער יסוד איז "תפלה". תפלה מיינט אבער נישט "קול", שרייען און געוואלטעווען צו גאט אז ער זאל מעביר זיין די רוע הגזרה ווייל גאט ב"ה זאגט אליין דורך ישעיה הנביא קאפ. א': "גם כי תרבו תפלה אינני שמע", ד"ה, אפילו איהר וועט אסאך שרייען און בעטען וועט ער אייך אויך נישט הערען. טא פרעגען מיר אייך, וואסארא ווערטה האט דאס שרייען, וויינען און בעטען? דאס קול און דאס געפילדער פון איד'ס דאווענען געהט דאך לגמרי לאיבוד, ווייל "ידיכם דמים מלאו" — זאגט גאט. דאס איז געשעהן צו יענער צייט ווען דער גאווערנאר פילאטוס האט זיך די הענד געוואשען בשעת דעם קרייציגען פון ישוע המשיח און האט געזאגט "נקי אנכי מדמי האיש הזה", האבען אבער אידען דאמאלס געשריגען "דמו עלינו ועל בנינו", דערפאר זאגט גאט אז ער הערט נישט די אלע תפלות פון אידען, ווייל "ידכם דמים מלאו".

וואזשע דען? ווען דער איד וועט צוערשט תשובה טהון און דורך ישוע המשיח צוריק קעהרען צו גאט, דאן וועט די תפלה וואס ער וועט מתפלל זיין בשם ישוע המשיח אנגענומען ווערען אזוי ווי מיר זענען פארזיכערט געווארען אין יוחנן י"ד, 14, ביים משיח גופא.

און דער דריטער יסוד איז "צדקה". צדקה מיינט מען אבער נישט "ממון" אזוי ווי די רבנים האבען אונז געוואלט איינרעדען, אז מיט געלד קאן מען ביי גאט אויסקויפען אלע עבירות, מיט געלד קאן מען זיך ביי גאט איינקויפען עולם הבא, א' ז' וו' ניין ר' פעטער, גאט זאגט "לי הכסף ולי הזהב", גאט האט גענוג געלד, ער ברויכט נישט אונזער געלד. גאט קאן מען נישט משחד זיין! צדקה מיינט מען נישט געלד נייערט "גערעכטיגקייט". איהר הערט, פריינד, גערעכט צו זיין אין גאטס אויגען. איהר פרעגט ווי אזוי? אין דברים ו', 25 זאגט אונז גאט ב"ה דורך משה רבינו "וצדקה תהיה לנו כי נשמר לעשות את כל המצוה הזאת", אידען קאנען גערעכט זיין אין גאטס אויגען ווען זיי וואלטען־האלטען די גאנצע תורה וואס גאט האט געגעבען.

און ביי אברהם אבינו געפינען מיר, אז "והאמן בד' ויחשבה לו צדקה", (בראשית ט"ו 6) ד"ה, אז דורך אמונה אין גאט איז אברהם געווארען א צדיק, גערעכט, ביי גאט. מיר געפינען אבער אין ערגעץ אז מ'זאל קענען דורך געלד ביי גאט גערעכט ווערען.

מיר מיינען נישט חלילה אוועקצומאכען די הומאניטעטישע טהאט פון ארויסצוהעלפען דעם ארעמאן, וועלכעס איז אודאי נויטיג, אבער עס איז אויך א נאטירליכע זאך יענעם פון די נויט ארויס צו העלפען און קיינער פארדיענט קיין שכר דערפאר, אפילו מוראשקעס העלפען אויך איינס ס'אנדערע. חיות האבען אויך די נאטור איינס ס'אנדערע זיך צו העלפען, בפרט נאך מענשען! אבער מ'שטיינס געזאגט וואסארא מין הילף אידען אין אמעריקא לייסטען פאר די ארעמע מיט־ברידער.

אפילו מ'זאל וועלען גלויבען אז יענעם ארויס צו העלפען מיט געלד איז א מצוה, איז אבער אזא העלפען ווי אידען העלפען דא אין אמעריקא לײדער א "מצוה הבאה בעבירה" ווייל די אמעריקאנער אידישע נדבות וואס זענען פערבונדען מיט שפיכות דמים, שרייען ארויף צום הימעל פאר דעם אומרעכט וואס ווערט בעגאנגען מצד די רייכע מנדבים צו


Published Monthly, except bi-monthly dur'ng August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.